Publié par la Maison de la culture yiddish - Bibliothèque Medem, avec le concours de la Délégation Générale à la Langue Française & de la Fondation pour la Mémoire de la Shoah

# דער ייִדישער
# טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע
פֿון דעם פּאַריזער
ייִדיש־צענטער –
מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 14, נומער 3 (68)

אָדר תּשס״ט/מאַרץ 2009

# ייִדישער אַוואַנגאַרד אויבן אָן[1]

אינעם פּאַריזער מוזיי פֿון ייִדישער קונסט און געשיכטע[2] קומט איצט פֿאָר, פֿון 11טן פֿעברואַר ביזן 17טן מײַ, אַ פּרעכטיקע[3] אויסשטעלונג[4] פֿון ייִדישן אַוואַנגאַרד און דעם ייִדישן בוך אין די יאָרן 1914 – 1939 מיטן נאָמען „פֿאַרגאַנגענע צוקונפֿט"[5].

די ליבהאָבער פֿון קונסט בכלל[6] און פֿון ייִדישער בוכקונסט בפֿרט[7] האָבן איצט אַ זעלטענע געלעגנהייט צו באַוווּנדערן[8] אַן אויסערגעוויינטלעכע זאַמלונג ייִדישע אַוואַנגאַרד־ביכער, וואָס די גרויסע מערהייט פֿון זיי זענען אמתע[9] יקר־המציאותן[10]. די אויסשטעלונג, צוגעגרייט דורך נאַטאַלי אַזאַן און הלל[11] קאַזאָווסקי, מיט דער מיטהילף פֿון דאָראָטאַ סניעזשעק, נעמט אַרום אייגענע זאַמלונגען פֿונעם מוזיי, און אויך פֿון אַנדערע אינסטיטוציעס, ווי דער ישׂראל[12]־מוזיי (די זאַמלונג פֿון באָריס און ליזאַ אַראָנסאָן), דער עטנאָגראַפֿישער מוזיי אין פּעטערבורג (אַן–סקיס זאַמלונג), און אויך דער פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק.

צווישן די 210 אויסגעשטעלטע ווערק קען מען באַוווּנדערן ביכער און צײַטשריפֿטן אויף ייִדיש, רוסיש און העברעיִש, אילוסטרירט דורך קינסטלער פֿון רוסלאַנד (שפּעטער פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד[13]), פּוילן און אַנדערע לענדער. עטלעכע פֿון זיי, ווי מאַרק שאַגאַל, אל. ליסיצקי[14], יוסף[15] טשײַקאָוו צי ישׂשׂכר־בער ריבאַק[16] זענען גאָר באַוווּסט[17], כאָטש[18] ניט אַלע ווייסן אַז זיי האָבן אילוסטרירט ייִדישע ביכער – שאַגאַל האָט צום בײַשפּיל געמאַכט די הילע[19] צו דער אַוואַנגאַרדיסטישער צײַטשריפֿט *שטראָם* (מאָסקווע, 1922-1924), אילוסטרירט דעם ציקל *טרויער* פֿון דוד האָפֿשטיין און דעם נומער צוויי פֿונעם אַלמאַנאַך *כאַליאַסטרע*[20] (פּאַריז, 1924) ווו אויף דער הילע זעט מען דעם אייפֿל־טורעם[21] ; און אל. ליסיצקי האָט אילוסטרירט, צווישן אַנדערע, *חד־גדיה*[22] (חד־גדיא) און אַ פּאָעמע פֿאַר קינדער *ייִנגל צינגל כוואַט*[23] פֿון מאַני לייב.




די אויסשטעלונג ווײַזט די השפּעה[24] פֿון דעם אַלגעמיינעם (דער עיקר[25] רוסישן) אַוואַנגאַרד אויף ייִדישע קינסטלער, און אויך זייער ספּעציפֿישן ייִדישלעכן כאַראַקטער. מע קען דאָרטן זען ווי וויכטיק עס איז געווען פֿאַר די מאָלער דער קאָנטאַקט מיטן ייִדישן פֿאָלקלאָר (רעליגיעזע חפֿצים[26], באַמאָלטע שולן[27]) און מיט דער טראַדיציאָנעלער אָרנאַמענטיק (צום בײַשפּיל אויף מצבֿות[28]). אַ באַזונדערע חשיבֿות[29] ווערט אויך צוגעשריבן[30] דעם ייִדישן אַלף־בית[31] : עטלעכע פֿון די קינסטלער האָבן געניצט די ייִדישע אותיות[32] ווי אַ וויכטיקן גראַפֿישן עלעמענט, וואָס מע קען צום בײַשפּיל זען אויף די הילעס פֿון דעם ערשטן נומער פֿון *כאַליאַסטרע* (וואַרשע, 1922), געצייכנט פֿון חיים[33] וואָלף ווײַנטרויב צי פֿון דער פּאָגראָם־פּאָעמע די *קופּע*[34] פֿון פּרץ[35] מאַרקיש, געצייכנט פֿון הענריק בערלעווי.

די אָרגאַניזאַטאָרן האָבן אויך געוויזן די שטאַרקע פֿאַרבינדונג צווישן דער מאָדערנער ייִדישער קונסט און דער אַוואַנגאַרד־ליטעראַטור, ווי אין פֿאַל פֿון דער לאָדזשער גרופּע יונג־ייִדיש.

די אויסשטעלונג ווערט באַגלייט פֿון אַ פּרעכטיקן קאַטאַלאָג וואָס נעמט אַרום אַרטיקלען וועגן דער ייִדישער אַוואַנגאַרדיסטישער קונסט, ביאָגראַפֿישע נאָטיצן וועגן די קינסטלער, ווי אויך קאָלירטע רעפּראָדוקציעס פֿון די אויסגעשטעלטע קונסטווערק.

1. à l'honneur/in the forefront 2. Musée d'Art et d'Histoire du Judaïsme/Jewish Museum 3. magnifique/wonderful 4. exposition/exhibition 5. Futur antérieur/Future anterior 6. BIKHLA'L en général/in general 7. BIFRA'T en particulier/in particular 8. admirer/admire 9. E'MESE véritables/genuine 10. YEKA'R-HAMTSI'ESN livres rares/rare books 11. HILEL 12. YISROEL Israël 13. Union soviétique/Soviet Union 14. El Lissitzky 15. YOYSEF 16. YISOSKHER Issachar Ber Ryback 17. célèbres/famous 18. bien que/although 19. couverture/cover 20. *La Bande*/*The Gang* 21. tour Eiffel/Eiffel Tower 22. KHAD-GADYE *Un chevreau*, texte traditionnel lu à Pâque/*One Little Kid*, traditional text read for Passover 23. *Filourdi le dégourdi*/*Yingl Tsingl Khvat* 24. HASHPOE influence 25. ... IKER surtout/mainly 26. KHFEYTSIM objets/objects 27. synagogues peintes/painted synagogues 28. MATSEYVES pierres tombales/tombstones 29. KHSHIVES importance 30. attribué/attributed 31. ALEF-BEYS alphabet 32. OYSYES caractères/letters 33. KHAIM 34. *Le Tas*/*The Mound* 35. PERETS.



# אויג

„היט עס אָפּ ווי אַן אויג אין קאָפּ“ – דאָס פֿאָלקסווערטל[1] ווײַזט ווי נייטיק און ווי טײַער עס זײַנען אונדז די אויגן. ווי אין אַלע שפּראַכן איז דאָ אין ייִדיש אַ סך אויסדריקן[2] אַרום דעם וואָרט **אויג**.

די פֿעיִקייט[3] צו זען רופֿט מען די **ראיה**[4]. דער וואָס זעט גוט האָט אַ **שאַרפֿע ראיה** (ווי אַן אָדלער[5]) און דער וואָס זעט נישט אַזוי שאַרף האָט אַ **שוואַכע ראיה** (ווי אַ מאָלוואָרף[6]). אַ מענטש וואָס קען ניט זען איז אַ בלינדער. (דער וואָס ו ו י ל ניט זען איז אַ נאַר – אָבער דאָס גייט שוין אַרויס פֿון דער הײַנטיקער טעמע !)

דער דימינוטיוו פֿון אויג איז געוויינטלעך **אייגעלע. אייגעלעך** הערט מען אין אַלע וויגלידער[7], ווי אינעם באַרימטן וויגליד פֿון לאָדזשער געטאָ „מאַך צו די אייגעלעך“ (זעט ז׳ 3). אויך אין ליבעלידער געפֿינט מען אייגעלעך און אויגן (זעט ז׳ 4). געוויינטלעך זענען זיי שוואַרצע, זיסע, אָדער צאַרטע[8]. ס׳איז אויך דאָ „כּשרע[9] אייגעלעך“, ווי אין ביאַליקס[10] „אונטער די גרינינקע ביימעלעך“. אויגן קענען פֿינקלען[11], שײַנען, בליצן[12], אַפֿילו[13] שטראַלן. **מאַכן עמעצן אייגעלעך** מיינט אים וואַרפֿן קאָקעטישע בליקן, חנדלען זיך[14]. אינעם ליד „בײַ מיר ביסטו שיין“ געפֿינט מען „ווען דו רעדסט מיט די אויגן, וואָלט איך מיט דיר געפֿלויגן“. פֿאַר מענטשן וואָס מע האָט שטאַרק נ י ש ט ליב, זענען דאָ אויגן הינטישע, גנבֿישע[15], גזלנישע[16] און ממזרישע[17].

נישט נאָר מענטשן און חיות[18] האָבן אויגן. נאָדלען[19], טירן און שיך האָבן **אייגלעך**. אַן אוראַגאַן האָט אַן אויג. אַ **חנהלעס אייגעלע**[20] איז אַ בלום.

אָט האָט איר אַ פּאָר אויסדריקן מיטן וואָרט **אויג.** קלײַבט אויס וואָס עס געפֿעלט אײַך :

**אויפֿן אויג** = אַן ערך[21], מער ווייניקער

ער איז דער טאַטעס **אויסן אויג** = ער איז זייער ענלעך צום טאַטן

טאָן אַ זאַך **פֿאַר עמעצן אין די אויגן** = טאָן עס אָפֿן, אומפֿאַרשעמט[22]

טאָן (צי זאָגן) עפּעס **הינטער די אויגן** = עס טאָן באַהאַלטענערהייט[23]

עס **וואַרפֿט זיך אין די אויגן** = עס איז זייער קלאָר

**אונטער פֿיר אויגן** = פּריוואַט, צווישן צוויי מענטשן

**האָבן גרויסע אויגן** = זײַן זשעדנע[24]

**האָבן אַן אויג פֿאַר** = זײַן אַ מבֿין[25] אויף

**מע קוקט זיך אויס די אויגן** אויף עפּעס = מע וואַרט אומגעדולדיק

מען האָט לאַנג געגלייבט אַז אויגן האָבן אַזאַ כּוח[26], אַז אַ בייזער קוק קען שאַטן[27] אַ מענטשן. דאָס רופֿט מען **אַ בייז אויג.** אויף לשון־קודש[28] הייסט עס אַן **עין־הרע**[29]. כּדי[30] אָפּצוהיטן אַ מענטשן פֿון שלעכטס, דער עיקר[31] ווען מע זאָגט עפּעס גוטס, גיט מען צו **קיין עין־הרע**[32] : „דאָס מיידעלע איז אַזוי שיין, קיין עין־הרע“. „איר זעט אויס, קיין עין־הרע, אין בעסטן געזונט“.

לאָמיר ענדיקן מיט צוויי גאָר בילדערישע[33] אויסדריקן : **אַ שטיק פֿלייש מיט אויגן** (אַ באַשרײַבונג פֿון אַ נאַר), און אַ קללה[34] – **עס זאָלן אים אַרויס די אויגן ! נישט פֿאַר אונדז געדאַכט**[35], **קיין עין־הרע !**

1. dicton populaire/folk saying 2. expressions 3. capacité/ability 4. RIE vue/eyesight 5. aigle/eagle 6. taupe/mole 7. berceuses/lullabies 8. tendres/tender 9. KO'SHERE innocents/innocent 10. Khaim Nakhman Bialik (1873-1934) 11. étinceler/sparkle 12. lancer des éclairs/flash 13. AFILE même/even 14. KHEYNDLEN ... faire les yeux doux/flirt 15. GNEY'VISHE fourbes/thievish 16. GAZLO'NISHE féroces/murderous 17. MAMZE'YRISHE malins/sly 18. KHAYES animaux/animals 19. aiguilles/needles 20. KHA'NELES ... pensée/pansy 21. ... EREKH à peu près/roughly 22. sans vergogne/shamelessly 23. en cachette/behind one's back 24. avide/greedy 25. MEYVN expert 26. KOYEKH pouvoir/power 27. faire du mal/harm 28. LOSHN-KOYDESH hébreu/Hebrew 29. EYN(H)ORE, AIN-HORE, (*pop.*) NEHORE mauvais œil/evil eye 30. KEDE'Y afin de/in order to 31. ... IKER surtout/especially 32. KEYNEYN(EH)ORE que le mauvais œil soit écarté/no evil eye 33. imagés/picturesque 34. KLOLE malédiction/curse 35. que cela nous soit épargné/may it not happen to us.

## שפּריכווערטער[1]



- דאָס אויג דערציילט וואָס דאָס האַרץ מיינט.
- די אויגן זײַנען גרעסער ווי דאָס מויל.
- אויס די אויגן[2] – אויס דעם האַרצן.
- פֿיר אויגן זעען מער ווי צוויי.
- ער קען אײנעם אַרויסגנבֿענען[3] דאָס ווײַסל[4] פֿון די אויגן. (דאָס זאָגט מען וועגן אַ גוטן גנבֿ[5]).
- ווען דאָס האַרץ איז פֿול גייען די אויגן איבער[6].
- די אויגן וואָלטן ניט געזען וואָלטן די הענט ניט גענומען.

1. proverbes/proverbs 2. loin des yeux/out of sight 3. AROY'SGANVENEN voler/steal 4. blanc/white 5. GANEF voleur/thief 6. *ici* débordent/overflow.

## אויגן־גלאָסאַר



| | |
|---|---|
| דאָס לעפּל (לעפּלעך) | paupière/eyelid |
| די ברעם (ברעמען) | sourcil/eyebrow |
| די וויִע (וויִעס) | cil/eyelash |
| דאָס ווײַסל | blanc/white |
| דער איריס | iris |
| דער שוואַרצאַפּל | pupille/pupil |
| די ברילן | lunettes/eyeglasses |
| די זונברילן | lunettes de soleil/sunglasses |
| די קאָנטאַקט־לינדזן | verres de contact/contact lenses |
| די טרער (טרערן) | larme/tear |
| ציבעלע־טרערן | larmes de crocodile/crocodile tears |
| דער אויגנבליק | coup d'œil/glance |
| קורצזיכטיק | myope/nearsighted |
| ווײַטזיכטיק | hypermétrope, presbyte/farsighted |
| קאַסאָקע אויגן | yeux louches/cross-eyed |

# צוויי לידער פֿון לאָדזשער געטאָ

די צוויי לידער זענען אָנגעשריבן געוואָרן אין לאָדזשער געטאָ. אַן אָפּערע־זינגערין, אַלאַ דיאַמאַנט, האָט זיי געזונגען צום ערשטן מאָל אויף דער דערעפֿענונג[1] פֿונעם אָפֿיציעלן „קולטורהויז“ אין געטאָ אין מאַרץ 1941. שפּעטער זענען די לידער פֿאַרווערט[2] געוואָרן, נאָר זיי זענען זייער געפֿעלן דעם עולם[3] און אַ סך מענטשן האָבן זיי געקענט אויף אויסנווייניק און געזונגען.

די ווערטער האָט אָנגעשריבן **ישעיה[4] שפּיגל** (1906 - 1990), אַ ייִדישער פּאָעט, פּראָזאַיִקער און עסייִסט. ער איז געבוירן געוואָרן אין לאָדזש אין זייער אַן אָרעמער היים. בשעת[5] דער מלחמה[6] איז ער געווען פֿאַרשפּאַרט אין לאָדזשער געטאָ. דאָרטן האָט ער געשריבן לידער און דערציילונגען, וואָס ער האָט באַגראָבן אין געטאָ מיט דער האָפֿענונג אַז עמעצער וועט זיי אַ מאָל געפֿינען. אָט די צוויי לידער האָט ער אָנגעשריבן נאָכן טויט פֿון זײַן טעכטערל עוואַ. נאָך דער ליקווידאַציע פֿון לאָדזשער געטאָ אין 1944 איז שפּיגל געווען אין אוישוויץ און אַנדערע לאַגערן. ער האָט איבערגעלעבט די מלחמה און ווען ער איז צוריק אין לאָדזש האָט ער אַליין געפֿונען זײַנע ווערק. אַ פּאָר יאָר האָט ער געלעבט אין פּוילן און אין 1951 האָט ער זיך באַזעצט אין תּל־אָבֿיבֿ[7]. זײַנע באַקאַנטסטע ווערק, ווי *מלכות*[8] *געטאָ* צי *מענטשן אין תּהום*[9] האָבן פֿאַר אַ טעמע דעם חורבן[10].

**דוד[11] בייגעלמאַן** (1884 - 1944), וואָס האָט אָנגעשריבן די מוזיק צו די לידער, איז געווען אַ באַוווּסטער לאָדזשער קאָמפּאָזיטאָר. פֿאַר דער מלחמה האָט ער מיטגעאַרבעט מיט דעם קליינקונסט־טעאַטער אַררט[12]. ער האָט באַאַרבעט[13] אַ סך ייִדישע פֿאָלקסלידער און אָנגעשריבן מוזיק צו עטלעכע לידער פֿון ייִדישע פּאָעטן. ער איז אויך פֿאַרשיקט[14] געוואָרן אין אוישוויץ און איז דאָרטן אומגעקומען.

## מאַך צו די אייגעלעך

מאַך צו די אייגעלעך,
אָט קומען פֿייגעלעך
און קרײַזן דאָ אַרום
צו קאָפּנס פֿון דײַן וויג[15].
דאָס פּעקל אין דער האַנט,
דאָס הויז אין אַש און בראַנד[16] ;
מיר לאָזן זיך, מײַן קינד,
זוכן גליק.

די וועלט האָט גאָט פֿאַרמאַכט,
און אומעטום איז נאַכט,
זי וואַרט אויף אונדז
מיט שוידער[17] און מיט שרעק,
מיר שטייען ביידע דאָ
אין שווערער, שווערער שעה[18]
און ווייסן ניט, וווּהין
ס׳פֿירט דער וועג.

מאַך צו די אייגעלעך...

מען האָט אונדז נאַקעט בלויז
פֿאַריאָגט[19] פֿון אונדזער הויז,
אין פֿינצטערניש
געטריבן אונדז אין פֿעלד,
און שטורעם, האָגל[20], ווינט
האָט אונדז באַגלייט, מײַן קינד,
באַגלייט אונדז אינעם אָפּגרונט[21]
פֿון דער וועלט.

מאַך צו די אייגעלעך...

## ניט קיין ראָזשינקעס, ניט קיין מאַנדלען[22]

ניט קיין ראָזשינקעס און ניט קיין מאַנדלען
דער טאַטע איז ניט געפֿאָרן האַנדלען,
לולינקע מײַן זון,
לולינקע מײַן זון.
ער האָט פֿאַרלאָזט אונדז און אַוועק,
ווּ די וועלט האָט נאָר אַן עק,
לולינקע מײַן זון,
לולינקע מײַן זון.

ס׳שרײַען סאָוועס[23], ס׳וויען וועלף[24],
גאָט, דערבאַרעם[25] זיך און העלף,
לולינקע מײַן זון,
לולינקע מײַן זון.
ערגעץ שטייט ער און ער וואַכט[26],
מאַנדלען, ראָזשינקעס אַ סך,
לולינקע מײַן זון,
לולינקע מײַן זון.

קומען ר׳וועט[27] אויף זיכער שוין,
זען דיך, קינד, מײַן איינציק קרוין[28],
לולינקע מײַן זון,
לולינקע מײַן זון.



**ישעיה שפּיגל. צייכענונג : בען.**

1. inauguration 2. interdits/forbidden 3. OYLEM public 4. YESHAYE 5. BESH'AS pendant/during 6. MILKHOME guerre/war 7. TEL-AVIV 8. MALKHES royaume/kingdom 9. THOM abîme/abyss 10. KHURBM Shoah 11. DOVID 12. … ARARAT célèbre café-théâtre à Lodz/famous café-theater in Lodz 13. adapté/adapted 14. déporté/deported 15. au chevet de ton berceau/at the head of your cradle 16. feu et cendres/fire and ash 17. horreur/horror 18. SHO heure/hour 19. chassés/drove (us) out 20. grêle/hail 21. abîme/abyss 22. … raisins secs … amandes/… raisins … almonds (*référence à la célèbre berceuse/reference to the famous lullaby* ראָזשינקעס מיט מאַנדלען) 23. hiboux/owls 24. hurlent les loups/wolves howl 25. prends pitié/take pity 26. veille/watches 27. ער וועט קומען 28. couronne *(expression de tendresse)*/crown *(term of endearment)*.



# אויגן

מוזיק : אַבֿרהם עלשטיין[1]
ווערטער : מאָלי פּיקאָן
ניו־יאָרק, 1934

ס'איז אַ פֿינצטערע נאַכט
און איך זיץ מיר און טראַכט :
מײַן לעבן האָט גאָרניט קיין ווערט[2].
ס'איז ליידיק און פּוסט[3],
מײַן שטרעבן[4] אומזיסט[5],
קיין מזל[6] איז מיר ניט באַשערט[7].

נאָר פּלוצים[8] – אַ שטראַל,
אַ ליכטיקער קוואַל :
צוויי אויגן האָב איך דערזען.
איך האָב באַלד דערפּילט
מײַן האַרץ איז פֿאַרשפּילט[9],
נאָר איך בין צופֿרידן געווען.

אויגן –
פֿאַר דײַנע שוואַרצע אויגן,
פֿאַר זיי שטייט אײַנגעבויגן
די ליכטיקע זון.

אויגן –
פֿאַר דײַנע שוואַרצע אויגן,
זיי האָבן צוגעצויגן
מײַן האַרץ,
און איך בין פֿאַרשקלאַפֿט[10] געוואָרן
אויף אַ גאַנץ לעבן
פֿאַרגאַפֿט[11] געוואָרן,
און איך וויל שטרעבן
אַלץ זיי צו געבן.

אויגן –
פֿאַר דײַנע שוואַרצע אויגן,
די וועלט וועט מער ניט טויגן[12]
אָן דײַנע שוואַרצע אויגן.

1. AVROM Ellstein 2. valeur/worth 3. vide/empty 4. aspirations/striving 5. en vain/on vain 6. MAZL chance/good fortune 7. destiné/destined 8. soudain/suddenly 9. perdu/lost 10. tombé en esclavage/enslaved 11. en extase/dazzled 12. *ici* n'aura plus de sens/will be worthless.

## ליויקאַ טשאַצקיס[1] און איר „טאַנגעלע"

דאָס ליד „אויגן" איז אַ ייִדישער טאַנגאָ, געשריבן אין ניו־יאָרק אין 1934 פֿאַר אַ מוזיקאַלישער קאָמעדיע מיטן נאָמען *איינס און אַ רעכטס !*[2] די ווערטער זײַנען פֿון מאַלי פּיקאָן[3] (1898–1992), די גרעסטע סטאַר פֿון ייִדישער מוזיקאַלישער קאָמעדיע. די מוזיק איז פֿון אַבֿרהם עלשטיין[4] (1907–1963), איינער פֿון די באַרימטסטע קאָמפּאָזיטאָרן פֿון ייִדישן טעאַטער. ער האָט אָנגעשריבן די מוזיק צו אַזעלכע באַרימטע פּיעסעס ווי ייִדל *מיטן פֿידל* און *מאַמעלע*, וואָס האָבן לאַנג געשפּילט אויף „סעקאָנד עוועניו" (דער „ייִדישער בראָדוויי" אין ניו־יאָרק), איידער מע האָט געמאַכט פֿון זיי פֿילמען.

אָט דאָס ליד האָבן מיר אויסגעקליבן פֿונעם רעפּערטואַר פֿון ליויקאַ טשאַצקיס, אַ יונגע זינגערין וואָס זינגט לידער פֿון אַ סך פֿאַרשיידענע זשאַנערס (פֿאָלקמוזיק, אָפּערע, רענעסאַנס־לידער, מאָדערנע מוזיק...), נאָר איז מערסטנס באַקאַנט ווי די זינגערין פֿון ייִדישן טאַנגאָ. זי שטאַמט פֿון אַן אַרגענטינער ייִדישער משפּחה[5], נאָר וווינט שוין לאַנג אין אייראָפּע. שטודיעס פֿון קלאַסישער מוזיק האָט זי אָנגעהויבן אין אַרגענטינע און געענדיקט אין ענגלאַנד. איצט וווינט זי אין פֿראַנקרײַך, אין אַ קליין שטעטל אין עלזאַס[6] מיט איר מאַן און זייער 3־יעריקער טאָכטער, ליובאַ.

ליויקאַ איז אויך אַ פֿאָרשערין[7] פֿון ייִדישן טאַנגאָ : זי שרײַבט אַרטיקלען און האַלט רעפֿעראַטן[8] אויף דער טעמע. איר ספּעקטאַקל הייסט „טאַנגעלע" – אַ טאַנגאָ מיט אַ צאַרטן ייִדישלעכן דימינוטיוו „עלע", מיט וועלכן זי וויל אַרויסהייבן[9] דעם היימישן טעם[10] פֿון די לידער. דאָס איז אויך דער נאָמען פֿון ליויקאַס ערשט קאָמפּאַקטל[11], וואָס אַנטהאַלט לידער פֿון וואַרשע, ניו־יאָרק און בוענאָס־אײַרעס, נאָר אויך אַ סך טאַנגאָס וואָס מע האָט געשריבן און געזונגען אין די געטאָס און לאַגערן[12] בעת[13] דער מלחמה[14]. עס זענען דאָ גאָר באַקאַנטע לידער ווי קאַטשערגינסקיס[15] „פֿרילינג" צי „שפּיל זשע מיר אַ טאַנגאָ אויף ייִדיש", וואָס איז געווען פּאָפּולער פֿאַר דער מלחמה און צו וועלכן מע האָט צוגעגעבן נײַע ווערטער אין קאָוונער געטאָ, און אויך זעלטענע[16] טיטלען ווי דער אַרגענטינער „איך וועל לײַדן אין דער שטיל", אָדער אונדזער אויסגעקליבענער „אויגן".




1. Lloica Czackis 2. titre en anglais/English title : *One in a Million* 3. Molly Picon 4. AVROM Ellstein 5. MISHPOKHE famille/family 6. Alsace 7. chercheuse/researcher (*fem.*) 8. conférences/lectures 9. faire ressortir/bring out 10. TAM saveur/savor 11. CD 12. camps 13. BEYS pendant/during 14. MILKHOME guerre/war 15. Shmerke Kaczerginski (1908-1954) 16. rares/rare.

דער טאַנגאָ, וואָס איז אויפֿגעקומען אין בוענאָס־אײַרעס סוף[1] 19טן יאָרהונדערט, איז אַ געמיש פֿון די קולטורן פֿון די פֿאַרשיידענע אימיגראַנטן (דער עיקר[2] פֿון שפּאַניע, איטאַליע און פֿראַנקרײַך), מיט אַ השפּעה[3] פֿון דער אַפֿריקאַנער און אינדיאַנער מוזיק. ווי אַזוי איז אויפֿגעוואַקסן דער ייִדישער טאַנגאָ ? ליויקאַ טשאַצקיס דערקלערט : „ייִדן האָבן אָנגעהויבן שאַפֿן טאַנגאָס אין ערטער ווו ס'איז שוין געווען אַ געוויסער ניוואָ פֿון אַסימילאַציע – גענוג צו זײַן אין קאָנטאַקט מיט דער אַרומיקער באַפֿעלקערונג[4] און נישט אַזוי פֿיל אַז זיי זאָלן זיך דערווײַטערן פֿון ייִדיש. ס'איז אַ פּראָדוקט פֿון די גרויסע שטעט – בוענאָס־אײַרעס, מאָנטעווידעאָ, וואַרשע אָדער ניו־יאָרק. מע מעג אויך באַמערקן אַז דער טרויעריק־בענקענדיקער[5] קלאַנג[6] פֿון טאַנגאָ איז זייער נאָענט צו דער ייִדישער מוזיק."

1. SOF à la fin de/at the end of 2. … IKER surtout/mainly 3. HASHPOE influence 4. population 5. triste et nostalgique/sorrowful yearning 6. son/sound.

## קעסטלשפּיל פֿאַר קענער

אין דעם קעסטלשפּיל ניצט מען ניט קיין נקודות[1] (א = אַ = אָ) און ניט קיין סוף־אותיות[2] (נ = ן). וו, יי, ײַ, און ױ רעכענען זיך יעדער ווי איין אות.

| 8 | 7 | 6 | 5 | 4 | 3 | 2 | 1 | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | | | | **א** |
| | | | | | ■ | | | **ב** |
| | | | | | | | | **ג** |
| | | | | | ■ | | | **ד** |
| | ■ | | | | | ■ | | **ה** |
| | | ■ | ■ | | | | | **ו** |
| ■ | | | | ■ | | | | **ז** |
| | | | | | ■ | | | **ח** |
| | | | ■ | | | | | **ט** |

### דעפֿיניציעס

**האָריזאָנטאַל**

**א.** דער גרעסטער משלים[3]־שרײַבער אויף ייִדיש, מיטן נאָמען אליעזר[4] (1880 - 1932).

**ב.** ניט ניין – פֿריִער ווי, פֿאַר דעם ווי.

**ג.** פֿאָנעטישער אויסלייג פֿון „כּלי־זמרײַ"[5].

**ד.** איניציאַלן פֿון „שפּראַך פֿון דער הייליקייט" אויף העברעיִש – אַרבעט ווי אַ לערער אָדער ווי אַ לערנער.

**ה.** שטעכלקע[6], שטעכיק געוויקס[7].

**ו.** חוש־הריח[8], פֿעיִקייט צו שמעקן – האַלבע פֿרייד.

**ז.** מאָגער, אויסגעטריקנט – פּרוכט.

**ח.** אַ סך געזאַלצן וואַסער – זײַן אָפּשטויסנדיק[9], איבלען.

**ט.** קליין ביימל, קוסט[10] – באַליבטע קאָרטנשפּיל צווישן אַמאָליקע רוסישע ייִדן.

**ווערטיקאַל**

**1.** קוקנדיק קרום.

**2.** צוועק, רעזולטאַט – באַמבוס.

**3.** גענעראַציע.

**4.** עפֿענונג צום אָטעמען אָדער שמעקן – ווײדל[11].

**5.** איבער זיי זעט מען אַ מאָל ניט דעם וואַלד – סוף[12], ענד.

**6.** אין זיי פֿליסט דאָס בלוט – ריכטיקער אויסלייג פֿון „פּעלע" („וווּנדער").

**7.** אין זיי פֿליסט דאָס וואַסער אָדער דער גאַז – ס'איז גרינגער אים אָפּצווואַשן פֿון אַ קלייד ווי פֿון אַ נאָמען.

**8.** קען באַלד דינען, מען דאַרף ניט וואַרטן – צווייִ דריטל פֿון די נעז.

1. NEKUDES points-voyelles/vowel signs 2. SOF-OYSYES lettres finales/final letters 3. MESHOLIM fables, *sing.* MOSHL 4. ELIEZER 5. KLEZMERAY' musique klezmer/klezmer music 6. épine/thorn 7. plante épineuse/thorn bush 8. KHUSH-HAREYEKH odorat/sense of smell 9. répugnant/repulsive 10. arbuste/bush 11. queue/tail 12. SOF fin/end.

די לייזונג אינעם קומענדיקן נומער





די לייזונג פֿונעם קעסטלשפּיל פֿון נומ' 67

| 8 | 7 | 6 | 5 | 4 | 3 | 2 | 1 | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ש | ■ | ק | א | ה | ■ | מ | ס | **א** |
| ע | ג | י | ל | ע | מ | א | מ | **ב** |
| נ | ■ | נ | ע | מ | ע | ט | א | **ג** |
| ק | י | ד | ■ | ד | ■ | ק | ר | **ד** |
| ע | ■ | ע | נ | ע | ש | ע | ק | **ה** |
| ר | ע | ר | י | ר | ט | ■ | א | **ו** |
| י | ר | ה | ■ | ■ | א | מ | ט | **ז** |
| נ | ע | יי | ר | ע | פ | י | ש | **ח** |
| ס | ■ | מ | ■ | ה | ל | ש | ■ | **ט** |

אַרטיקלען דערשינען אין דער ניו־יאָרקער צײַטונג *פֿאָרווערטס* אין דעצעמבער 2008 און יאַנואַר 2009

# קלעאָפּאַטרעס פּנים[1] ווערט רעקאָנסטרויִרט דורך קאָמפּיוטער

פֿון יואל[2] מאַטוועיעוו



מיט אַ חודש[3] צוריק האָט די ענגלישע עגיפּטאָלאָגין ד״ר סאַלי אַן אַשטאָן איבערגעגעבן, אַז זי האָט רעקאָנסטרויִרט, מיט דער הילף פֿון אַ קאָמפּיוטער, דאָס אמתע[4] פּנים פֿון דער באַרימטער מיצרישער[5] הערשערין, קלעאָפּאַטרע דער זיבעטער. אַשטאָן פֿאָרשט קלעאָפּאַטרעס ביאָגראַפֿיע שוין אַ סך יאָר, און האָט אָנגעשריבן עטלעכע ביכער וועגן איר. זי האָט אָפּגעגעבן אַ גאַנץ יאָר אויף צונויפֿשטעלן פֿאַרשיידענע אויטענטישע בילדער און באַשרײַבונגען פֿון דער קיניגין, אַרײַנגערעכנט[6] די סטאַטועס, באַרעליעפֿן, מטבעות[7], און אַנדערע חפֿצים[8], ווי אויך די ווערק פֿון אוראַלטע[9] מחברים[10]. זי האָט אויך גענומען אין באַטראַכט, אַז קלעאָפּאַטרע האָט געשטאַמט [...] פֿון אַ געמישטער גריכיש־עגיפּטישער דינאַסטיע. [...]

קלעאָפּאַטרע איז געבוירן געוואָרן אינעם יאָר 69 פֿאַר דער נײַער צײַט־רעכענונג. זי איז געווען די לעצטע קיניגין פֿון בית־תּלמי[11] – די העלעניסטישע דינאַסטיע פֿון מאַקעדאָנישן אָפּשטאַם, וועלכע האָט געהערשט אין מצרים[12] איבער 300 יאָר. איינער פֿון אירע עלטער־זיידעס[13], תּלמי דער צווייטער, איז באַקאַנט אין דער ייִדישער געשיכטע צוליב דעם, וואָס זיבעציק ייִדישע חכמים[14] האָבן פֿאַר אים איבערגעזעצט די תּורה[15] אויף גריכיש.

צו 18 יאָר, נאָכן טויט פֿון איר טאַטן, האָט קלעאָפּאַטרע באַקומען די מאַכט איבער גאַנץ מצרים. צוליב דעם וואָס אַ פֿרוי האָט נישט געטאָרט [...] הערשן אינעם לאַנד אַליין, האָט זי פֿאָרמעל חתונה געהאַט[16] מיט איר אייגענעם ברודער – אַ קליין ייִנגל, וועלכער האָט געהאַט דאָס פֿולע רעכט צו זײַן אַ פּרעה[17]. למעשׂה[18], אָבער, האָט זי אָנגעפֿירט מיטן לאַנד אַליין. איר ברודער איז געוואָרן אין כּעס[19] אויף אַזאַ מצבֿ[20] ; צוזאַמען מיט זײַן שני־למלך[21], פּאָטין, האָבן זיי פֿאַרטריבן קלעאָפּאַטרען פֿונעם לאַנד. די פֿאַרטריבענע קיניגין האָט אָבער באַלד פֿאַרזאַמלט אַן אַרמיי, און איבערגענומען צוריק דעם טראָן. [...]



מיט דער הילף פֿון דעם רוימישן פֿירער יוליוס צעזאַר, האָט קלעאָפּאַטרע באַקומען די פֿולע מאַכט אינעם לאַנד. זי האָט זיך פֿאַרליבט אין צעזאַרן, הגם[22] ער איז געווען מער ווי 30 יאָר עלטער פֿון איר, און האָט אים געבוירן אַ זון, פּטאָלעמיי־צעזאַר[23]. שפּעטער, נאָך יוליוס צעזאַרס טויט, איז זי זיך צונויפֿגעגאַנגען[24] מיט אַן אַנדער רוימישן פֿירער, מאַרקוס אַנטאָניוס, און געבוירן אים דרײַ קינדער.

דער רוימישער קיסר[25] אָקטאַוויאַנוס האָט אָנגעהויבן אַ מלחמה[26] קעגן קלעאָפּאַטרען און מאַרקוס אַנטאָניוס, וועלכע האָבן געשוווירן צו שטאַרבן צוזאַמען. אָקטאַוויאַנוסעס אַרמיי איז אַרײַנגעטראָטן אין מצרים און האָט זיך אָפּגעשטעלט הינטער דער הויפּטשטאָט אַלעקסאַנדריע. צוליב אַ פֿאַלשער בשׂורה[27] וועגן קלעאָפּאַטרעס טויט, האָט מאַרקוס אַנטאָניוס זיך גענומען דאָס לעבן. די 39־יעריקע קלעאָפּאַטרע האָט געהאַלטן איר שבֿועה[28], און האָט זיך אויך אָפּגעסמט[29] אויף טויט.

*[דער מחבר דערקלערט ווי אַזוי אונדזער ראָמאַנטישער אימאַזש פֿון קלעאָפּאַטרען – אַ פּרעכטיק שיינע און קלוגע פֿרוי, שטאַרק אַרײַנגעטאָן[30] אין ליבעס און אינטריגעס – איז אַרויסגעוואַקסן פֿון מעשׂיות[31] און לעגענדעס פֿון די אַלטע היסטאָריקערס, ווי אויך פֿון שעקספּיר... און פֿון האָליווּד.]*

ס'איז אינטערעסאַנט, אַז אַ ריי[32] מיטלעלטערישע[33] אַראַבישע לעגענדעס באַשרײַבן קלעאָפּאַטרען גאָר אַנדערש : ווי אַ באַשיידענע[34], הויך־געבילדעטע וויסנשאַפֿטלערין[35], איינע פֿון די וויכטיקסטע פֿיגורן אין דער געשיכטע פֿון אַלכעמיע און מאַטעמאַטיק. אַ צאָל אַראַבישע מחברים האָבן געשריבן, אַז זי האָט אויסגעשטאַט[36] דעם ליכט־טורעם[37] אין אַלעקסאַנדריע, וועלכן מע האָט אַ מאָל געהאַלטן פֿאַר איינעם פֿון די „זיבן וווּנדער“, מיט אַ ליכט־געווער[38], וואָס האָט געקאָנט אונטערצינדן[39] שיפֿן פֿון דער ווײַטנס [...]. עס זעט אָבער אויס, אַז די דאָזיקע מחברים

[סוף זײַט 8]

1. PONEM visage/face 2. YOEL 3. KHOYDESH mois/month 4. E'MESE vrai/real 5. MI'TSRISHER égyptienne/Egyptian 6. y compris/including 7. MATBEYES pièces de monnaie/coins 8. KHFEYTSIM objets/artifacts 9. anciens/ancient 10. MEKHABRIM auteurs/authors, *sing.* מחבר MEKHABER 11. BEYS-TALMAY dynastie ptolémaïque/Ptolemaic dynasty 12. MITSRAIM Égypte/Egypt 13. ancêtres/ancestors 14. KHAKHOMIM sages 15. TOYRE Torah (Septante/Septuagint) 16. KHA'SENE ... a épousé/married 17. PARE pharaon/pharaoh 18. LEMAYSE en fait/in fact 19. ... KAS en colère/became angry 20. MATSEV situation 21. SHEYNI-LEMEYLEKH vice-roi/viceroy 22. HAGA'M bien que/although 23. Ptolémée-César, dit Césarion/Ptolemy-Caesar, called Cesarion 24. s'est unie/joined together 25. KEYSER empereur/emperor 26. MILKHOME guerre/war 27. PSURE nouvelle/news 28. SHVUE serment/oath 29. O'PGESAMT empoisonnée/took poison 30. impliquée/involved 31. MAYSES histoires/stories 32. série/series 33. du Moyen Âge/medieval 34. modeste/modest 35. savante/scholar (*fem.*) 36. équipé/equipped 37. phare/lighthouse 38. arme (qui utilise les rayons solaires)/weapon (using light rays) 39. mettre le feu/set fire to

דער וויַטערדיקער אַרטיקל, דערשינען אין דער גרויסער ניו־יאָרקער ייִדישער צײַטונג פֿאָרווערטס, דערציילט וועגן די הײַנטיקע חרדים[1] אין ניו־יאָרק און וועגן די שוועריקייטן וואָס עס לעבן איבער די, וואָס ווילן אַרויס פֿון זייער קהילה[2] און פּרוּוון זיך צופּאַסן צו דער מאָדערנער וועלט.

# געוועזענע חרדים אין ניו־יאָרק

שׂרה־רחל[3] שעכטער

שפּאַצירנדיק אין וויליאַמסבורג[4] מיט דרײַ יאָר צוריק, האָט פּסח[5] [...], אַ 29־יאָריקער אייגנטימער[6] פֿון אַ טעקסי־פֿירמע, דערזען ווי אַ לערער, זײַנער אַ באַקאַנטער, פֿירט צענדליקער תּלמידים[7] אויף אַן עקסקורסיע. פּלוצלינג האָט דער לערער געגעבן איינעם פֿון די ייִנגלעך אַ פּאַטש אין פּנים[8]. פּסח איז געוואָרן מלא־כּעס[9]. [...]

דערמאָנענדיק דעם עפּיזאָד לעצטנס פֿאַרן רעפּאָרטער, האָט פּסח, אַ דערצויגענער אין דער סאַטמערער[10] קהילה, געגעבן צו פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק רעאַגירט : „זײַנע קלעפּ האָבן מיר דערמאָנט די צײַט, ווען איך בין געווען אין חדר[11], און די מלמדים[12] פֿלעגן מיך נישט סתּם[13] שלאָגן, נאָר ממש[14] זיך איזדיעקעווען[15] – מיט שטעקנס און פּאַסיקעס“. הײַנט איז פּסח נישט קיין פֿרומער. פֿון דעסטוועגן, וווינט ער ווײַטער אין וויליאַמסבורג, און הגם[16] ער האָט עטלעכע יאָר לאַנג געהאַט אַן אייגענע דירה[17], האָט ער לעצטנס זיך ווידער אַרײַנגעצויגן צו טאַטע־מאַמע אין שטוב – אַחוץ שבת[18], פֿאַרשטייט זיך. וואָס ער טוט יעדן שבת ? ער פֿאָרט אין אַ דירה אין קווינס[19], וואָס ער טיילט זי מיט עטלעכע חבֿרים[20]. [...]

יצחק[21] שאָנפֿעלד, דער אָרגאַניזירער פֿון „טשאָלנט“ – אַ קומזיץ[22] פֿון „בלאָנדזשענדיקע[23]“ חרדים יעדן דאָנערשטיק אויף דער נאַכט – זאָגט, אַז ס׳רובֿ[24] פֿון די יונגע־לײַט וואָס זענען מער נישט פֿרום דרייען זיך ווײַטער אַרום אין די קרײַזן, ווו זיי זענען דערצויגן געוואָרן, און אַ מאָל טראָגן זיי אַפֿילו[25] די זעלבע קליידער וואָס פֿריִער. „אַ בחור[26] וועלכער היט אפֿשר[27] נישט קיין איין מיצווה[28], וועט נאָך אַלץ זאָגן, אַז ער האַלט זיך פֿאַר אַ ליובאַוויטשער אָדער אַ סאַטמערער – האָט שאָנפֿעלד באַמערקט – און געוויינטלעך, קען מען טאַקע דערקענען פֿון וואַנען ער שטאַמט, אַפֿילו ווען ער זאָגט עס נישט“. ווען שאָנפֿעלד זעט, למשל[29], אַ בחור וואָס איז זייער געזעלשאַפֿטלעך[30], האָט ליב צו עסן, שׂימחהוועו[31] און דערציילן וויצן, ווײַזט זיך אָפֿט אַרויס[32], אַז ער איז אַ סאַטמערער, [...] און פֿאַרקערט, אַ געוועזענער חסיד[33] וואָס האָט ליב צו זיצן און לייענען, לעבט אַ פּשוט[34] לעבן, אָן לוקסוס, שטאַמט אָפֿט מאָל פֿון ליובאַוויטש, וואָס באַטאָנט גיכער דעם אינטעלעקט, פּשטות[35] און רוחניות[36], האָט שאָנפֿעלד געזאָגט.

ווען די יונגע־לײַט פֿאַרלאָזן זייערע חרדישע היימען, איז עס געוויינטלעך אַ טראַוומאַטישע איבערלעבונג פֿאַר זיי. געפֿינען אַ שטעלע איז שווער, ווײַל מע דאַרף קענען גוט לייענען און שרײַבן ענגליש – אַ זאַך וואָס מע לערנט זיך נישט אין די חרדישע ישיבֿות[37]. כּדי[38] צוצוהעלפֿן די יונגע־לײַט, האָט מלכּה[39] שוואַרץ, אַליין אַ געוועזענע ליובאַוויטשער פֿרוי, מיט פֿינף יאָר צוריק געגרינדעט Footsteps (פֿוסטריט) – אַן אָרגאַניזאַציע וואָס העלפֿט די ייִדן, וועלכע קלערן צו פֿאַרלאָזן די פֿאַרשלאָסענע חרדישע קהילה. די



© Chana Pollack

אָרגאַניזאַציע, וואָס ווערט געשטיצט פֿון אַ צאָל ייִדישע פֿונדאַציעס, לערנט זיי ווי זיך אײַנאָרדענען אין דער מאָדערנער וועלט, און גיט זיי אויך אַ מעגלעכקייט צו פֿאַרברענגען מיט אַנדערע יונגע ייִדן אין אַן ענלעכן מצבֿ[40].

מײַקל דזשענקינס, דער סאָציאַלער אַרבעטער בײַ Footsteps, זאָגט אַז 75 פּראָצענט פֿון די ייִדן וואָס ווענדן זיך צו דער אָרגאַניזאַציע זענען מענער, אין דעם דורכשניטלעכן[41] עלטער פֿון 25 יאָר. בדרך־כּלל[42] שליסן זיי זיך אָן[43] כּדי צו קריגן זייער מיטלשול[44]־דיפּלאָם. מע געפֿינט פֿאַר זיי פּריוואַטע לערער וואָס קענען[45] מיט זיי ווי צו לייענען און שרײַבן גוט ענגליש ווי אויך מאַטעמאַטיק. אַ סך פֿון זיי גייען דערנאָך אין אוניווערסיטעט. „זייער אָפֿט, ווען זיי קומען אין אוניווערסיטעט, ווילן זיי, די ערשטע זאַך, זיך לערנען פֿילאָסאָפֿיע און קונסט־געשיכטע“, האָט דזשענקינס דערקלערט. ס׳איז קלאָר פֿאַר וואָס. דאָס לערנען פֿילאָסאָפֿיע איז דאָך אַ פֿאַרבאָטענע זאַך אין זייערע קהילות. און דעם באַגריף קונסט פֿאַרשטייען זיי בכלל נישט[46]. „בײַ דער אַרבעט הערן זיי ווי מע שמועסט וועגן אַן אויסשטעלונג[47] אין אַ מוזיי, אָדער מע אַנאַליזירט עפּעס אַ קונסטפֿילם, און דער געוועזענער חסיד וויל פֿאַרשטיין, וואָס איז די זאַך – קונסט ?“

Footsteps איז אָבער זייער שטרענג וועגן איין זאַך – זיי נעמען נישט אָן קיין יונגע־לײַט אונטער 18 יאָר. [...]

דאָס געפֿינען פֿרײַנד, שוין אָפּגערעדט[48] אַ ווײַב, איז גאָר נישט גרינג. „אַ חסידיש מיידל וויל דיך נישט, ווײַל זי זוכט אַ פֿרומען חתן[49], און די מאָדערנע מיידלעך ווילן דיך נישט, ווײַל בײַ זיי ביסטו נאָך אַלץ אַ חסיד !“ [...]

1. KHAREYDIM Juifs ultra-orthodoxes/ultra-Orthodox Jews 2. KEHILE communauté juive/Jewish community 3. SORE-ROKHL 4. quartier hassidique de Brooklyn (New York)/hasidic neighborhood in Brooklyn (N.Y.) 5. PEYSEKH 6. propriétaire/owner 7. TALMIDIM élèves/pupils 8. PONEM visage/face 9. MOLE KAS très en colère/very angry 10. de Satmar/Satmar (*adj.*) 11. KHEYDER école primaire juive/Jewish primary school 12. MELAMDIM maîtres d'école/teachers 13. STAM simplement/merely 14. MAMESH véritablement/really 15. s'acharner/bully 16. HAGA'M bien que/although 17. DIRE logement/apartment 18. AKHU'TS SHABES sauf le shabbat/except for Shabes 19. Queens 20. KHAVEYRIM amis/friends 21. YITSKHOK 22. *ici* groupe de rencontre/*here* encounter group 23. égarés/lost, gone astray 24. S'ROV la plupart/most 25. AFILE même/even 26. BOKHER jeune homme/young man 27. EFSHER peut-être/perhaps 28. MITSVE commandement/commandment 29. LEMOSHL par exemple/for example 30. sociable 31. SI'MKHEVEN faire la fête/«to party» 32. il s'avère/it turns out 33. KHOSID hassid/hasid 34. POSHET simple 35. PASHTES simplicité/simplicity 36. RU'KHNIES spiritualité/spirituality 37. YESHIVES écoles talmudiques/talmudic schools 38. KEDE'Y afin de/in order to 39. MALKE 40. … MATSEV situation semblable/similar situation 41. moyen/average 42. BEDEREKH KLA'L en règle générale/as a general rule 43. adhèrent/join 44. lycée/high school 45. enseignent/teach 46. BIKHLA'L … pas du tout/not at all 47. exposition/exhibition 48. sans parler de/not to mention 49. KHOSN fiancé.

# ליטע[1] און איר ייִדישע באַפֿעלקערונג[2]

פֿון שמעון[3] און אַלכּסנדר[4] קאַפּלאַן

אַלכּסנדר קאַפּלאַן איז אַ ייִדיש־סטודענט אינעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער. זײַן טאַטע, שמעון קאַפּלאַן, איז געבוירן געוואָרן אין קיידאַן, אַ קליין שטעטל אין ליטע אינעם יאָר 1922. אין אַ שמועס[5] מיטן טאַטן האָט אַלכּסנדר אים געשטעלט פֿראַגעס וועגן דעם ייִדישן לעבן דעמאָלט אין ליטע.

אַלכּסנדר : פֿון וואָס האָבן ייִדן געלעבט אין יענע יאָרן ?

שמעון : נאָך לאַנגע יאָרן צאַרישער הערשאַפֿט[6] איז ליטע געוואָרן אומאָפּהענגיק[7] אין 1918 און ייִדן האָבן געקראָגן די לאַנג אויסגעבענקטע[8] עמאַנציפּאַציע. ייִדן האָבן געקענט זיך פֿאַרנעמען מיט האַנדל[9], די האַנטווערקער[10] – מיט זייערע פֿאַכן[11]. זיי האָבן געקענט לערנען אין די שולן און אוניווערסיטעטן אויף פֿאַרשיידענע פֿאַקולטעטן, און די וועלכע האָבן געהאַט פֿינאַנציעלע מיטלען, האָבן געקענט פֿאָרן זיך לערנען אין אַנדערע אייראָפּעיִשע אוניווערסיטעטן : אין דײַטשלאַנד, פֿראַנקרײַך און אַפֿילו[12] אין דער פֿאַשיסטישער איטאַליע.

אַ׳ : ס׳איז אמת[13] אַז אַ סך ייִדן זענען געווען דאָקטוירים ?

ש׳ : אין ליטע זענען כּמעט[14] אַלע דאָקטוירים געווען ייִדן. אין קאָוונע איז געווען אַ גרויסער ייִדישער שפּיטאָל מיט באַוווּסטע ייִדישע מעדיצין־פּראָפֿעסאָרן ווו מען האָט געהיילט אָרעמע ייִדישע קראַנקע אָן געלט. באַצאָלט האָבן נאָר די וואָס האָבן געהאַט גענוג געלט. די ייִדישע מעדיצין־סיסטעם האָט געהאַט גוטע פּראָפֿעסיאָנעלע באַציִונגען[15] מיט די גרויסע מעדיצין־ספּעציאַליסטן אין קעניגסבערג.

אַ׳ : וועלכע אַנדערע פּראָפֿעסיעס האָבן ייִדן געהאַט ?

ש׳ : אין ליטע איז געווען גרויסע אַדוואָקאַטן וואָס האָבן געקראָגן זייערע דיפּלאָמען אין די באַוווּסטע אוניווערסיטעטן אין רוסלאַנד און דײַטשלאַנד.

אין קאָוונע איז געווען אַ באַוווּסטע פּאָליטעכנישע שול ווו ייִדישע סטודענטן האָבן געקענט פֿרײַ לערנען אויף אַלע טעכנישע פֿאַקולטעטן צוזאַמען מיט די ליטווישע, ניט ייִדישע סטודענטן. כּמעט אַלע האַנטווערקער אין ליטע צווישן 1918 און 1940 זענען געווען ייִדן. ייִדן האָבן זיך אויך פֿאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפֿט[16], מיט קאָרן[17], ווייץ[18], האָבער[19], בולבעס. זיי זענען געווען גוטע גערטנער[20] און סאַדאָווניקעס[21].

ייִדן האָבן זיך אויך פֿאַרנומען מיט באַנקוועזן[22] און אַנדערע פֿינאַנציעלע געשעפֿטן.

עס זײַנען געווען אַ סך קליינהענדלער וואָס האָבן געהאַנדלט מיט פּויערים[23] אין די מאַרקטעג[24]. אַזוי האָבן זיי פֿאַרדינט אויף פּרנסה[25]. אין קיידאַן זענען אַלע קראָמען[26] געווען ייִדישע. נאָר איין יאַטקע[27] האָט געהערט[28] צו אַ ניט־ייִדן. אַלע אַנדערע יאַטקעס זענען געווען כּשר[29]. אַפֿילו ניט־ייִדן האָבן ליב געהאַט צו קויפֿן אין די כּשרע קראָמען.

1. Lituanie/Lithuania 2. population 3. SHIMEN 4 ALEKSANDER 5. conversation 6. domination tsariste/czarist rule 7. indépendant/independent 8. tant attendu/long yearned for 9. commerce 10. artisans 11. métiers/trades 12. AFILE même/even 13. EMES vrai/true 14. KIMA'T presque/nearly 15. relations 16. agriculture 17. seigle/rye 18. blé/wheat 19. avoine/oats 20. jardiniers/gardeners 21. fruiticulteurs/fruit farmers 22. métier de la banque/banking 23. paysans/peasants 24. jours de marché/market days 25. PARNOSE subsistance/a living 26. boutiques/shops 27. boucherie/butcher's shop 28. appartenait/belonged 29. KOSHER cachère.



[סוף פֿון זײַט 6]

האָבן געהאַט אַ טעות[40]. לויט דער אַלכעמישער טראַדיציע, האָט אין אַלעקסאַנדריע אַ מאָל געלעבט אַ פּראָמינענטע ייִדישע פֿילאָסאָפֿין און וויסנשאַפֿטלערין, מיטן נאָמען מרים[41], וועלכע האָט דערפֿונדן[42], לויט דער לעגענדע, אַ ריי וויכטיקע כעמישע מכשירים[43], וואָס ווערן אויסגענוצט ביזן הײַנטיקן טאָג, און געגרינדעט אין אַלעקסאַנדריע אַ גרויסן אַלכעמישן צענטער. איינע פֿון אירע תּלמידות[44], וועלכע האָט געהייסן קלעאָפּאַטרע – אַ פֿאַרשפּרייטער מיצריש־העלעניסטישער פֿרויען־נאָמען – איז אויך געווען אַ פּראָמינענטע דענקערין און פֿאָרשערין. זי האָט איבערגעלאָזט די מיסטישע סימבאָלישע צייכענונג, וועלכע ווײַזט אָן די יסודות[45] פֿון אַלכעמיע – „קלעאָפּאַטרעס כריזאָפּעע"[46]. ס׳זעט אויס, אַז צוליב דעם, וואָס ביידע פֿרויען האָבן געטראָגן דעם זעלבן נאָמען און געלעבט אין דער זעלבער שטאָט, זענען זיי אויסגעמישט געוואָרן אין די פֿאָלק־לעגענדעס.

[...]

40. ... TOES se sont trompés/were mistaken 41. MIRYAM 42. inventé/invented 43. MAKhSHIRIM appareils/appliances 44. TALMIDES étudiantes/students (*fem.*) 45. YESOYDES fondements/bases 46. Chrysopée de Cléopâtre/Chrysopoeia of Cleopatra.


דער ייִדישער
טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

דער ייִדישער *טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט ווערעניקאַ, יצחק, מאַרי, נאַטאַליאַ, עוולין, רובי.



YIDISHER TAMTAM
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
18 passage Saint-Pierre Amelot
75011 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com



מע קען אויך לייענען דעם ייִדישן *טעם־טעם*
אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com